ב"ה

# צעירי השלוחים

״פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט״

A project of The Shluchim Office



## כ"א אב תשס"ה

## פרשת עקב

טייערע קינדער שלוחים,

נעכטן איז געווען דעם יארצייט פון הרב החסיד ר' לוי יצחק – דעם רבי'נס טאטן. פון די גרעסטע זאכן אין דעם לעבן פון ר' לוי'ק איז געווען זיין מסירת נפש אויף טאן א טובה נאך א איד. טייערע קינדער, איר לעבט אייער לעבן אויף שליחות מיט מסירת נפש צו טאן א טובה נאך אידן. דער אויבערשטער האט א סאך נחת פון אייך און זיכער אין אייער זכות וועט ער שיקן שוין משיח!

אײדלה וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת עקב

והי' עקב תשמעון

דער פשוט'ער טייטש פון ווארט "עקב" איז - צוליב. און דער פסוק מיינט זאגן, אז צוליב דעם וואס א איד וועט היטן די תורה, "והי' עקב תשמעון את המשפטים האלה", וועט ער באקומען דערפאר דעם שכר, אז "ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד".

פארוואס אבער נוצט די תורה דעם ווארט "עקב", און ניט אן אנדער ווארט וואס מיינט "צוליב"?

איז רש"י מפרש, אז "עקב" מיינט אויך די פיאטע, און דער פשט אין "עקב תשמעון" איז, אז מען דארף מקיים זיין די "מצות קלות", די גרינגע מצוות, וואס "אדם דש בעקביו" - מענטשן טרעטן אויף זיי מיט זייער פיאטע.

דערפון האט מען א קלארע אפלערנונג פאר אידישע קינדער:

דער יצר הרע קומט אלעמאל צו א אידיש קינד און טענה'ט מיט אים: דו ביזט דאך א קליין קינד, איז וואס פאר א חשיבות האט דיין אויפפירונג? וואס איז שוין דער געוואלד - זאגט דער יצר - אויב אמאל וועסטו ארויסריידן פון מויל ווערטער וואס זיינען פארקערט פון ברכה חס ושלום, היפך פון אהבת ישראל חס ושלום, אדער עפעס וואס איז ניט אמת חס ושלום? ס'איז ניט מער ווי איין דיבור פון א קליין קינד, א "קליינטשיקע" זאך וואס האט ניט קיין חשיבות. צי דען איז שייך צו זאגן אז אזא קליינע זאך פארנעמט אן ארט ביים אויבערשטן?!

לערנט אונז די תורה - "והי' עקב תשמעון": מען דארף אויספאלגן אפילו די קליינע גרינגע מצוות, וואס מענטשן רעכענען אז זיי זיינען א קלייניקייט און פארנעמען ניט קיין ארט!

און אנך מער:

דוקא די מצוות זיינען אזוי טייער ביים אויבערשטן, אז אין זכות פון מקיים זיין אט די מצוות, זאגט צו דער אויבערשטער דעם שכר פון "ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך".

בשעת א איד איז מקיים די מצוות וואס זעען אויס ווי קלייניקייטן, פארשטארקט דאס דעם "ברית", דעם בונד צווישן אויבערשטן מיט אידן, און דאס ברענגט אראפ דעם אויבערשטנ'ס חסדים וואס ער האט צוגעזאגט מיט א שבועה צו אונזערע אבות, אברהם יצחק ויעקב.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער– שיחת ט"ז מנחם אב תשד"מ)*

## ר' לוי יצחק שניאורסאהן



הרב החסיד ר' לוי יצחק שניאורסאהן איז געווען דער רב פון יעקאטרינאסלאוו. ווען ער איז געשיקט געווארן צו גלות אין אלמא אטא איז זיין ווייב– רביצין חנה –מיטגעגאנגען און האט אים געהאלפן מיט אסאך מסירת נפש צו מאכן טינט פון גראז פאר זיינע כתבים. דער רבי שרייבט אסאך וועגן די גרויסע מסירת נפש פון זיין מאמע, און ווי אזוי די מסירת נפש האט אונז יעצט געהאלפן אז מיר האבן יעצט די הייליקע כתבים פון ר' לוי יצחק בזכותה.

דער רבי שרייבט אסאך וועגן די כתבים פון זיין טאטע און דא זעען מיר וואס דער רבי זאגט וואס מען קען לערנען פון זיין הייליקן טאטנ'ס נאמען.



# דעם חסידישן לוח

## כ' מנחם אב

## דער נאמען "לוי יצחק"

היינט איז דער יום הילולא פון טאטן. ווי באוואוסט האט דער טאטע זיך מוסר נפש געווען ספעציעל פאר'ן חינוך פון אידישע קינדער, סיי קינדער אין איינפאכן זין - תינוקות של בית רבן, און סיי עלטערע מענטשן וועלכע זיינען ווי "קינדער" אין אידישקייט, וואס האבן גארניט געלערנט זאכן פון אידישקייט צוליב די שוועריקייטן אין יענע צייטן און אין יענער מדינה.

און אפילו נאך דעם ווי מ'האט דעם טאטן פארשיקט אין גלות אין א ווייטן ווינקל פון רוסלאנד, האט ער פארגעזעצט אויף וויפל מעגלעך צו פארשפרייטן תורה און אידישקייט צווישן די ארומיקע אידן.

אט די איבערגעגעבנקייט צו פארשפרייטן אידישקייט צווישן אלע אידן, איז אויך אנגעדייט אין דעם נאמען פון דעם בעל ההילולא - **"לוי יצחק"**:

דער נאמען "לוי" איז פארבונדן מיט (די רייד פון לאה) **"ילוה אישי אלי"** ( מיין מאן וועט זיך באהעפטן מיט מיר). אין דעם איז אויך אנגעדייט דער פארבונד פון אידן מיטן אויבערשטן, וואס ווערט אנגערופן "אישי" – מיין מאן, דער פירער און בעל הבית פון אידישן פאלק (ענלעך צו דעם מאן וואס פירט אן מיט זיין הויז): און "ילוה אישי אלי" ווייזט אויף דעם פארבונד און באהעפטונג צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

און דין דעם איז באשטאנען די ארבעט פון דעם בעל ההילולא - צו פועל זיין אויף יעדער אידן אז ער זאל ווערן באהעפט מיטן אויבערשטן אין אן אופן פון "ילוה אישי אלי", דורך דעם וואס ער פירט זיך ווי א איד דארף לויט דעם אנזאג פון אויבערשטן, און דער פארבונד זאל זיין אין אן אופן פון "ילוה", א שטארקער און אייביקער פארבונד, דורך דעם וואס זיין אויפפירונג לויטן אנזאג פון אויבערשטן איז ביי אים איינגעקריצט אין אן אופן פון "חזקה", וואס ענדערט זיך ניט.

און דער נאמן "יצחק" ווייזט אויף שמחה און תענוג,"**כל השומע יצחק לי**". און דאס באדייט, אז די ארבעט פון באהעפטן זיך מיטן אויבערשטן, "ילוה אישי אלי", ווערט געטאן מיט שמחה און תענוג: ער איז מקיים תורה און מצוות ניט ווי א געצוואונגענע זאך נאר מיט שמחה און תענוג.

דער נאמען "לוי יצחק" האט אויך א ספעציעלע שייכות מיט קינדער:

יעדער קינד איז ספעציעל פארבונדן מיט יצחק. יצחק איז געווען דער ערשטער איד וואס "נימול לשמונה" - איז גע'מל'ט געווארן צו אכט טעג. און אזוי אויך בשעת א אידיש קינד ווערט געבארן, ווארט מען קוים אכט טעג און דערנאך פירט מען אים באלד אריין בבריתו של אברהם אבינו דורך ברית מילה.

דערנאך איז מען אים מחנך, פון קינדוואיז אויף, אז זייענדיק א אידיש קינד, און א טייל פון אידישן פאלק, איז ער פארזיכערט, אז אויב נאר ער וועט זיך אויפפירן ווי א איד דארף, וועט דער אויבערשטער זיין שטענדיק מיט אים - "ילוה אישי אלי."

און דורך דעם ווערט יעדער אידיש קינד אין א צושטאנד פון "כל

*(המשך...)*

*(המשך דעם חסידיש'ן לוח)*

השומע יצחק" - אז יעדער וואס קוקט זיך צו צו זיין אויפפירונג ווערט פריילעך!

זעענדיק ווי א אידיש קינד פירט זיך אויף אין אן אופן וואס ברענגט שמחה און תענוג צום אויבערשטן, ווערט ביי אלעמען אמת'ע אידישע נחת, ביז מען קען זיך ניט איינהאלטן און מען שטייט אין אן אפענער שמחה!

דערפון איז אויך אן אפלערנונג אויף פאר עלטערער אידן, "אידן מיט ווייסע בערד" - אז זיי זאלן זיך אפגעבן מיט פארשפרייטן תורה, סיי די הלכות פון תורה און סיי די נשמה פון תורה: און טאן דאס אין אן אופן פון "לוי יצחק":

זיי זאלן זיין אינגאנצן אריינגעטאן אין דעם אין אן אופן פון "לוי" פון לשון "חיבור", ובמילא דארף מען זיי ניט דערמאנען אויף זייער פליכט צו פארשפרייטן די "מעיינות" (קוואלן) פון תורה אין "חוצה" (דרויסן), ווייל זייער גאנצע מציאות איז באהאפטן און פאראייניקט מיט אט דער ארבעט: ניט מען דארף זיי דערמאנען, זאר זיי האלטן אין איין דערמאנען אנדערע!

און דאס ווערט געטאן אין אן אופן פון "יצחק" - פון לשון שמחה און תענוג - מיט גרויס חיות און שמחה.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת כ"ף מנחם אב תשמ"ט)*

# דערציי'ל מיר א מעשה



אין די צייט פאר די מלחמה, זיינען געווען אסאך פרומע חסידישע מענטשן וואס האבן געלעבט אין פולין . געוויסע חסידים פלעגן זאגן "אונזער רבי האט צענדליקע טויזענטע חסידים וואס לייגן ניט תפילין און פאסטן ניט יום כיפור!"

מענטשן האבן אויף דעם געוואונדערט, "מענטשן וואס זיינען חסידים און לייגן ניט תפילין און פאסטן ניט יום כיפור?!"

ווען מענטשן האבן געפרעגט וואס זיי מיינען האבן די חסידים זיי גענומען צו די חדר וואו זיי האבן געזען שמייכלדיקע קליינע קינדער - "די זיינען פון דער רבי'ס שטארקסטע חסידים!!"

*טייערע קינדער, זעט ווי אונזער רבי האט אזוי פיל געגעבן צו קליינע קינדער? דער רבי האט אזוי פיל אריינגעלייגט אין אייך, און דער רבי האט אלעמאל געזאגט אז אין אייער זכות קומען ברכות צו אייערע מורים און מורות און עלטערן - ביז דעם גרעסטן זכות פון די גאולה האמיתית והשלימה וואס וועט זיין אין אייער זכות!!*



# משיח נאו!

פונקט ווי מען קען ניט קוקן אויפן זון אן א פארדעק, איז אין די צייט פון גלות קען א איד ניט זען דער אויבערשטער'ס שטארקע ליכט. אין צייט פון גאולה וועט מען קענען זען די ליכט פון ה' און די ליכט וועט היילן אלע גוטע אידן!

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ו אב, און דו
קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)

# שאלות—פרשת עקב

א. וואס מיינט "עקב"? ______________________

ב. וועגן וועלכע סארט מצוות רעדט זיך אין אונזער פרשה? ______________

ג. וואס איז געשען כ' אב? ______________________

ד. וואו איז ר' לוי"ק געווען רב? ______________

ה. ווער איז געווען זיין הייליקע רביצין? ______________

ו. וואס איז געווען זיין אויסערגעוויינליכער ענין? ______________

ז. וואס לערנט מען פון דער נאמען לוי? ______________

ח. וואס לערנט מען פון דער נאמען יצחק? ______________

ט. וואס וועלן אלע אידן זען אין צייט פון גאולה? ______________

י. וואס קענט איר יעצט טאן ברענגען גאולה? ______________

______________________________________________

נאמען: ______________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________

אי-מייל: ______________________

**הצלחה רבה!**